**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/28/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט דזשאן ווענג וועט ווערן נאמינירט צו סערווירן אויף דעם ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ באָורד אָוו דירעקטאָרס

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז דזשאן ווענג וועט ווערן נאמינירט צו סערווירן אויף דעם ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ באָורד אָוו דירעקטאָרס. מר. ווענג איז דער ערשטער אזיאנע-אמעריקאנער נאמינירט צו ווערן צו דעם ESD באורד.

״פאר ניו יארקער קומט זיך פירערשאפט וואס איז סיי קוואליפיצירט און סיי איבערגעגעבן צו די ארבעט פונ׳ם סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיט זיין אוצר פון ערפארונג און ברען פאר פובליק סערוויס וועט דזשאן ווענג זיין אן אויסגעצייכנטער צוגאב פאר ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט אים אינאיינעם בשעת מיר זעצן פאר ווייטער צוזאמצוברענגען די מערסט-פארשידנארטיגע און געניטע פירער צו לייזן דער סטעיט׳ס מערסט-דרינגענדע פאדערונגען און צו ליפערן רעזולטאטן פאר ניו יארקער.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אמטירנדע קאמיסיאנערין און פרעזידענט און CEO-דעזיגנירט האופ נייט האט געזאגט,** ״אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט טוט ניו יארק סטעיט אפירברענגען א דרייסטע עקאנאמישע אגענדע וואס טוט אויפטרייבן נייע אינוועסטירונגען און שאפן מער געלעגנהייטן פאר מער ניו יארקער. אונזער פארשידנארטיגקייט אלס א סטעיט, דאס איז אונזער שטארקייט, און דאס נאמינירן מר. ווענג העלפט אפשפיגלען די פארשידנארטיגקייט פון ניו יארק און איר עקאנאמיע. מר. ווענג׳ס ערפארונג, איינזעענישן און אייגנארטיגע פערספעקטיוון זענען א פאזיטיווער צוגאב צו דעם ESD און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט אים אינאיינעם בשעת מיר פירן איין אגרעסיווע נייע אונטערנעמונגען צו שאפן הויכע-קוואליטעט דזשאָבס און אויפטרייבן שטאנדהאפטיגע עקאנאמישע וואוקס אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט.״

דזשאן ווענג איז דער פרעזידענט פון דער אזיאנע-אמעריקאנער ביזנעס אנטוויקלונג צענטער (AABDC), וועלכע ער האט געגרונדעט אין 1994. עס איז א נאָנפּראָפיט ארגאניזאציע אוועקגעשטעלט אויף צו באזארגן טעכנישע הילף צו אזיאנע-אמעריקאנע קלענערע ביזנעסער און א פירנדע האנדלס-אנטוויקלונג ארגאניזאציע וואס הייבט ביזנעס באציאונגען צווישן די פאראייניגטע שטאטן און אזיע. אין פארלויף פון די יארן האט א הויפט שטאנדטייל פון AABDC׳ס ארבעט זיך פארברייטערט אויף שטיצע און שתדלנות דורך אזיאנע-אמעריקאנע עקזעקיוטיוו ביזנעס פירער און ענטרעפענורס דורך די ׳50 אויסגעצייכנטע אזיאנע-אמעריקאנער אין ביזנעס׳ פרייז, וועלכס אנערקענט די אויפטוען און ביישטייערונגען פון אזיאנע-אמעריקאנער אין דער אלגעמיינער עקאנאמיע. איבער 700 אזיאנע-אמעריקאנער זענען פארעהרט געווארן זינט 2001.

די מיסיע פון ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) איז צו שטיצן א לעבהאפטער און שטייגנדער סטעיט עקאנאמיע, מוטיגן ביזנעס אינוועסטירונג און דזשאָב שאפונג און שטיצן פארשידנארטיגע,

בליענדע ארטיגע עקאנאמיעס לענגאויס ניו יארק סטעיט דורך אמבעסטן אויסניצן הלוואות, גרענטס, שטייער קרעדיטס, ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט, מארקעטינג און אנדערע מינע הילף.

צו שטיצן די גאווערנער׳ס עקאנאמישע אנטוויקלונג מיסיע, וועט ESD העלפן אויספירן פילע פון די וויכטיגסטע אויפגאבעס אין דעם FY23 בודזשעט, ווי צ.ב.ש.:

- 1.4 ביליאן דאלערדיגע קאָנעקט-אָל איניציאטיוו
- 1 ביליאן דאלערדיגע קלענערע ביזנעס רעטונגס פלאן
- 350 מיליאן דאלערדיגע אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג
- 250 מיליאן דאלערדיגע ׳ריסטאָר NY׳
- 200 מיליאן דאלערדיגע שאָוועל-גרייטע אינוועסטירונגען (FAST NY)

אלס טייל פון ESD׳ס באָורד אָוו דירעקטאָרס וועט דזשאן וועגנ העלפן צוריקברענגען א שטאנדהאפטיגע און בליענדע עקאנאמיע פאר אזיאנע-באזיצטע ביזנעסער און די אלע וואונדערבארע קלענערע ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט. זיין ערפארונג אין העלפן ביזנעסער אין ניו יארק און אין אויסלאנד וועט העלפן געבן אזיאנע-באזיצטע קלענערע ביזנעסער די שטיצע אין וועלכע זיי נייטיגן זיך נאך די טומלדיגע פארלאפענע צוויי יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן